# מעשה זלאטשעוו און וואס זי לערנט אונז

— פון — דעפ. ד״ר י. ראזענבלאט

ס׳איז געווען א צייט, אז ווען ס׳זענען פאָרגעקומען אָנפאַלן אויף יודען, זענען זיי מאכען א גרויסע אויפרעגונג אין דער וועלט. עס האָט זיך נישט דא א״ב גאָמען, מיט וועלכען מען פּעטי־ געגט די אָנפאַלן. מיר זענען אין דער בעציהונג אזוי רייך און געבענטשט מיט כל המינים, אז עס שפּילט ווירקליך נישט קיין ראָל, ווי מ׳וועט אָנרופען די פאַרפאַלגונגען. דער היסטאָרישער פאַר־ רינבט פון צארישען רוסלאַנד וועט פּלוצען, אז דאס וואָרט „פּאָגראָם" איז געוואָרען א אינטערנאַציאָנאַלער אויס־ דרוק, הגם נישט רוס־לאנד האָט אויסגע־ טראַכט פרעה׳ס גזירות און די שפּאני־ שע אינקוויזיציע. אין יאָהר 1881 איז די וועלט איבעראַשט געוואָרען פון די פּאָגראָמען אויף יודען און זי האָט זיך דאַמאָלס נישט פאַרהאַלטען פּאַסיוו. אין אלע לענדער האָט זיך די עפענטליכע מיינונג, נישט נאָר די יודישע, געפונען אין א גרויסער אויפרעגונג. די פּאַרלא־ מענטען האָבען אויפגעפאָדערט די רעגי־ רונגען צו רעאַגירען אויף די דאזיגע גע־ שעהענישען. די רעגירונג פון די פער־ …

פען צו טראָגען די דאזיגע שווערע לאַס־ טען.

…

מיט קרעכצען און יאָמערן טוט מען גאָרנישט אויף, מ׳קאן אפילו נישט ווי־ כער מאַכען דאס שווערע האַרץ פון דער וועלט.

# דער אינסטינקט פון לעבען און טויט

וועגן מענשליכע ליידען, פיין, קראַנקהייט און עלטער — פון א. העגדלער

.4

…

———:0:———

# פון דער סדרה

(פערל פון אלטען אוצר)

געזאמעלט פון פ. ז. גליקסמאַן

שלח לך אנשים.

צוערשט האָבען זיך די יודען פאַרזא־ מעלט בעט משה׳ן, פאַרלאַנגענדיג, ער זאָל אַרויסשיקען מרגלים, ווי ס׳שטעהט אין פסוק (דברים א׳ כ״ב): „ותאמרו נשלחה אנשים לפנינו ויחפרו לנו את הארץ". משה האָט אָבער געענטפערט, ס׳איז נישט נויטיג, ווייל דער אויבער־ …

אז זיי מוזן אַליין לשם שמים, אָבער עס איז שקר. דען דאס ווילען דוקא דער־ גרייכען א נצחון, ברענגט צו לויקענען אינם אויבערשטען, אין זיין תורה, און זיינע חכמים און זיינע צדיקים.

(באר מיים חיים)

* * *

ויוציאו דבת הארץ אשר יבו אותה …

„מנחת עני").

* * *

סר צלם מעליהם

…

נהנה זיין פון גזל, אזוי, אז זיי ווילען פון אונז ארץ ישראל נישט אוועקנעמען, אָבער באמת איז נישט אזוי, ווי רש״י זאָגט אין בראשית, אז מיט זיין ווילען האָט ער עס זיי געגעבען און מיט זיין ווילען גיט ער עס אונז.

(ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער)

* * *

…

(פינה לעתים)

…

(סוף התיקון)

PENSJONAT
„BAJKA" w OTWOCKU
ul. GLINIECKA 7.

נעהמט אָן בעשטעלונגען. אַלע מאָ דערנסטע איינריכטונגען: צענטראַל־בעהייצונג, לופּטצנרעס ־ וואַס ער וואַרם און קאַלט, ראַדיאָ, טעלעפּאָן, לאָזשענקעס, גרויסע און ליכטיגע צימערן.

צוגענגליכע פרייזען • אַ שטרענג כשר׳ע קוך

בעשטעלונגען ווערען אויך אָנגענומען טעלעפאָניש נומער 23

